**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הייבט ארויס נייע מאסנאמען צו אנטמוטיגן דרייווען אין פארקערטע ריכטונג און בריק אנשטויסונגען אין לאנג איילענד**

***נייע שילדן און שאסיי צייכענונגען פארשטערקערן זיכערהייט לענגאויס חלקים פון לאנג איילענד'ס מערסט פארנומענע הייוועיס***

***זעהט בילדער [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א סעריע פון נייע זיכערהייט פארשטערקערונגען לענגאויס עטליכע לאנג איילענד הייוועיס צו אנטמוטיגן דרייווערס פון פארן אין די פארקערטע ריכטונג און העלפן פארמיידן טראקס און אנדערע הויכע וויהיקלס פון זיך אנשטויסן אין בריקן העכער הייוועיס. טויזנטע נייע צוריקשיינענדע שילדן און צייכענונגען אויף די פעך זענען אינסטאלירט געווארן ביי מער פון 700 אויסדערוועהלטע לאקאציעס צו פארמערן אויפמערקזאמקייט פון דרייווערס און פארשטערקערן זיכערהייט אויף טייל פון די פארנומענסטע הייוועיס אין נעסאו און סופאָלק קאונטיס. די נייע מאסנאמען קומען נאך אדער שטייגן איבדער אלע סטעיט און פעדעראלע הייוועי סטאנדארטן פאר זיכערהייט.

"דרייווערס אין די פארקערטע ריכטונג און הויכע וויהיקלס שטעלן קלארע זיכערהייט סכנות וועלכע קענען פאראורזאכן אומבאשרייבליכע טראגעדיעס און פירן צו אומנויטיגע פארשפעטיגונגען און שוועריגקייטן פאר דרייווערס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די נייע שילדן און צייכענונגען אויף די פעך גיבן מיר ווארענונגען וואס זענען שווער צו פארפעלן וועלכע וועלן העלפן אנטמוטיגן דרייווערס פון פארן אין די פארקערטע ריכטונג און צו הויכע טראקס פון אונטערפארן נידעריגע בריקן צו באשיצן די זיכערהייט פון די אנדערע דרייווערס."

די נייע זיכערהייט פארבעסערונגען רעכענען אריין מער פון 3,600 נייע "Wrong Way" (פארקערטע ריכטונג) און "Do Not Enter" (גייט נישט אריין) שילדן וועלכע זענען אינסטאלירט געווארן ביי 422 פארקוועי, עקספּרעסוועי און הייוועי ראמפעס צו אנטמוטיגן דרייווערס פון אריינפארן אין די פארקערטע ריכטונג אויף שנעלע הייוועיס, עקספּרעסוועיס און פּארקוועיס אין לאנג איילענד. מיט די פנים קעגן די נארמאלע ריכטונג פון פארן וועט זיין איין "Do Not Enter" שילד און דערנאך פיר "Wrong Way" שילדן. די שילדן וועלן אלע האבן רויטע צוריקשיינענדע שטרייפן צו פארמערן זייער זעהבארקייט. נאך צייכענונגען אויף די פעך און רעפלעקטארס זענען ארויפגעלייגט געווארן אויף די פעך אויף ראמפעס צו ווארענען דרייווערס וואס פארן נישט ריכטיג.

כדי צו פארמיידן בריק אנשטויסונגען זענען נייע צוריקשיינענדע פאראויסיגע ווארענונג שילדן און איינפאכע שילדן אינסטאלירט געווארן ביי 282 לאקאציעס אויף די סאוטערן, נארטערן, מעדאָובּרוק, וואַנטאַ, בעטפּעידזש, העקשער, סעגטיקאָוס און סאָנקען מעדאָו סטעיט פּארקוועיס און די ראבערט מאוזעס קאָזוועי. אויף די שילדן שטייט די הייעך פון יעדע בריק און עס האט רעפלעקטארס אויף די

שטעקן וואס האלט די שילד. די נייע שילדן זענען אומגעפער 75 פראצענט גרעסער פון פריערדיגע שילדן און גיבן גענוג ווארענונג צו העלפן טראק דרייווערס פארמיידן פון זיך אנשטויסן אין די בריק.

אין צוגאב זענען ווארענונגען אנגעצייכנט געווארן אויף די פערך מיט די ווערטער " Low Bridge Clearance" (נידעריגע בריק) ביי 17 געציהלטע פּארקווּעי לאקאציעס צו נאך מער פארמערן די אויפמערקזאמקייט.

לאנג איילענד'ס סטעיט פארקוועיס זענען געבויט געווארן אין די מיטן פון די 20'סטע יאר הונדערט מיט נידעריגע שטיינערנע האלב רונדעכיגע בריקן און זענען געמאכט געווארן נאר צו קענען אריבערלאזן פאסאנזשיר קארן פון אונטן. אבער אין לויף פון די פארגאנגענע אכציג יאר האט די צוועק פון די שאסייען זיך געטוישט פון בלויז פאר די שיינע פאנאראמע פאר די הנאה פון סטעיט פארק באזיכער צו הויפט רייזע רוטס וואס פארבינדן קאמיוניטיס אין שטעטלעך צו ניו יארק סיטי.

צו אפט האבן טראקס און אנדערע הויכע וויהיקלס – אומאויפמערקזאם פון די סטעיט פארקוועי הייעך באגרעניצונגען – אריינגעפארן אין די פארקוועי און זיך אנגעשטויסן אין די בריקן, פאראורזאכנדיג טראפיק אנלייגונגען און שאדן צו די הייוועי אינפראסטרוקטור.

די נייע שילדן און צייכענונגען אויף די פערך קומען צוזאמען מיט נאך 16 דעטעקטארס וואס כאפן אויף צו הויכע וויהיקלס וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן ביי געוויסע ראמפעס וואו טראקס זענען באקאנט געווען צו אפט ארייפארן אין פארקוועיס. די טעכנאלאגיע צינדט אן א ווארענונג שילד צו איינמעלדן פאר דעם טראק דרייווער און עס שיקט אן אלערט צו די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס ראיאנישע טראפיק פארוואלטונג צענטער.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "זיכערהייט איז שטענדיג די הויפט פריאריטעט פון די טראנספארטאציע דעפארטמענט, און די נייע שילדן און צייכענונגען אויף די פערך וועלן אונז העלפן באקעמפן די סכנות'דיגע פעלער פון דרייווען אין די פארקערטע ריכטונג און בריק אנשטויסונגען אויף לאנג איילענד שאסייען. זיכערהייט איז אבער יעדן איינעם'ס פאראנטווארטליכקייט. כאטש מיר בלייבן פארפליכטעט צו טוהן אלעס וואס מיר קענען צו פארשטערקערן די זיכערהייט פון אונזערע שאסייען, דאך דארפן מיר אז די דרייווערס זאלן אויספאלגן די כללים פון די שאסיי, דרייווען פאראנטווארטליך און בלייבן וואכזאם אלעמאל."

**סופאָלק קאונטי עקזעקיוטיוו סטיוו בעלאָון האט געזאגט,** "סופאָלק קאונטי איז פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז אונזערע שאסייען זענען ווי זיכער עס איז נאר מעגליך, און מיר האבן איינגעפירט פארשידענע איניציאטיוון און סטראטעגיעס וועלכע העלפן האלטן דרייווערס פארזיכערט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט פארן אונטערנעמען מאסנאמען פון פאראויס צו רעדוצירן און פארמיידן ערנסטע פארוואונדעטע און פאטאלע עקסידענטן אין לאנג איילענד."

**נעסאו קאונטי עקזעקיוטיוו ברוּס בלעיקמאַן האט געזאגט,** "די וויכטיגע זיכערהייט פארבעסערונגען וועלכע זענען אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער האקול היינט וועלן העלפן מאכן אונזערע שאסייען זיכערער פאר די הונדערטע טויזנטע נעסאו קאונטי דרייווערס וועלכע באנוצן זיך מיט זיי יעדן טאג."

פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די געסער, רופט 511, באזוכט [www.511NY.org](http://www.511NY.org) אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע 511NY טעלעפאן עפּ.

דרייווערס ווערן ערמוטיגט צו פלאנירן פון פאראויס און דרייוון פאראנטווארטליכערהייט אין ארבעט זאנעס. קנסות זענען געטאפלט פארן פארן שנעל אין אן ארבעט'ס זאנע. געפונען ווערן שולדיג פאר צוויי

אדער מער פארלעצונגען פון פארן שנעלער ווי ערלויבט אין אן ארבעט'ס זאנע קען פירן דערצו אז א מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס זאל סוספענדירט ווערן.

פאַלאָוט די NYSDOT אויף Twitter ביי @NYSDOT און ביי @NYSDOTLI. טרעפט אונז אויף Facebook ביי Facebook.com/NYSDOT.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן